בעזהש"ת

# ספר

# מלחמות השם

## חלק כ"ג

# ביקורת נשים אצל רופאים

❖

**קול קורא'ס ומאמרים בעניני חיזוק הדת**
**שיצאו לאור בבתי מדרשים וישיבות ובכתבי עת**

❖

יוצא לאור על ידי

הוצאת אמונה - ברוקלין יצ"ו – שנת תשנ"ג

# בולעטין

פון הרב שלום יהודה גראָס

רב דקהל „מגן שאול" ד„האלמין" ור"מ בישיבה וכולל „בית ישעי"
„מכון להוראה בשחיטות ובדיקות"

בעהמח"ס: **אפיות חמצות השלם** (י' חלקים); **גידולי יהודה** (על הלכות ציצית); **שו"ת זבחו זבחי צדק** (על הלכות שו"ב); **חינוך ישראל סבא** (מדריך לחינוך הבנים והבנות); **מדריך לצניעות**; **מזוזת שלום** (על הל' מזוזה); **מגוחת שלום** (הדרכה לכשרות); **מנחת יהודה**, (על חומר איסור „חלב עכו"ם" ו„סימילאק"); **נפש ישעי** (על מאכלות אסורות, ה"ח); **קדושת ישראל** (על הלכות יחוד); **וש"ס**.

# אַ וואָרנונג צו אידישע פרויען

מיט א צובראכען געמיט און שווער הארץ זענען מיר געצוואונגען נאך א מאל צו שרייבען איבער די פרשה פון פרויען דאקטוירים חאטש עס איז נאך נישט פאראיבער א יאר וואס די וועלט איז אויפגעטרייסעלט געווארען נאך דעם ווי מיר האבען א ביסעל אויפגעקלערט דעם גרויסען מבשול וואס גייט פאר ווען פרויען באזוכען דאקטוירים, פון דעסטוועגען ראך מוזען מיר נאך אמאל אפעלירען און רער עפענרליכקייט צו אלע אידישע טאטעס און מאמעס וואס שטרעבען צום אמת׳דיגען ריינעם ציהל פון אנפירען א עכט בשר׳ע אירישע שטיב, און האפען מיט השי"ת הילף צו זעהן ערליכע אידישע רורות מיט אסאך נחת רקדושה.

לאזט נישט איבער רעם עיקר! און למען השם ותורתו הק׳ טוט איבער אייער מעגליכקייט אז אייער הויז געזונט זאל ווערן אונטערזיבט אויסשליסליך נאר רארך א דאקטערין (פרוי ראקטער) און אויב נישט רארף מען געווארענט זיין עס זאל ח"ו נישט זיין קיין יחור.

דא איז נישט דער ריכטיגער פלאץ אראפ צו שרייבען אויספירלעך וואס מיר האבען זיך פריש אנגעהערט רעם פארגאנגענעם יאר, פון שוידערליכע, גייסטישע, טראגישע, שטרויכלונגען פון פרויען באזוכען וואס איז ארויס געקומען צוליב ווייניג זהירות און איסור יחוד און איסור קורבה

די האר שטעלט זיך איינעם קאפויר, דאס הארץ ווערט פארציטערט, און דער גאנצער קערפער צוטרייסעלט, פון יעדע מעשה באזונדער. מי יתן עיני מים וכו׳ ...

מיר ווערן צוטירען דעם לשון פון הגה״צ מהר״ם שטערן אבדק״ק דעברעצין שליט״א, וואס שרייבט וועגן דעם ענין פון פרויען דאקטורים. וז״ל:

איך האב שוין גערעדט באריבות אין מיין ספר באר משה (ח״ג־ח״ד) וועגן דעם הארבקייט וואס יונגע פרויען מיט יעדע קלייניקייט גייען זיי צו א מענער דאקטער, וואס דאס איז א געוואלדיגע איסור, ווי עס איז טרויעריג באוואוסט אז די היינטיגע ראקטוירים זענען במעט אלע גרויסע בעלי עבירות און בעלי תאוה דערפאר **איז דער פליכט אויף די פרויען צו גיין צו א דאקטערין** (פרוי דאקטער).

נאר אין אויסנאם פאל מיט א ערנסטען ענין וואס מען קען בשום אופן נישט גיין מיט דעם צו א פרוי דאקטערין, דאמאלט איז מותר אויך א מענער דאקטער, אבער דער איסור יחוד שטייט אונז נאך אלס אין וועג, נאך מער עס געפינט זיך צווישען אונז א דאקטער א רשע וואס האט שוין ציבראכען אסאך אידישע שטיבער, אין איך קען אפילו צוויי פין דעם סארט ביים נאמען, לעצטענס איז מען אויך געקימען צו מיר אין דערציילט מעשיות וואס די האר האבען זיך געשטעלט קאפויר.

עפ״י הלכה איז מען במעט מחויב מפרסם צו זיין די נעמען ווען נישט וואס עס איז פשוט א סכנה, און ווער ווייסט וויפיל אזעלכע דאקטוירים געפינען זיך צווישען אונז וואס עס איז נאכנישט נתגלה געווארען זייערע נעמען, און עס שוועבט א רוחניות׳דיגע סכנה אויף אלע פרויען וואס גייען צו זיי, וכו׳.

דעריבער דארף יעדער אפגעהיטענער איד משתדל צו זיין אויסשליסלעך צו ניצען פאר די בני בית פרויען דאקטערנ׳ס, און אזוי ווי נישט יעדער איז באקאנט ווי אזוי מען קען אנקומען צו די פרויען דאקטערנ׳ס און אויך צו וואס פאר א קראנקהייטען מען קען האבען פרויען דאקטערנ׳ס. דעריבער טוען מיר דא בא הויפטען אז עס זענען דא היינט צו טאג א סאך פרויען דאקטערנ׳ס וואס ספעציאליזירען זיך און אלע סארט געביטען און א פרוי וואס וויל זיך פירען בצניעות האט די גלעגענהייט צו האבען פרויען דאקטערנ׳ס אויף אלע געביטען. אין יעדען שפיטאל קענט איר באקומען א ליסט פון די דאקטערנ׳ס פון זייער שפיטאל.

אין וויליאמסבורג קען מען שוין היינט צו טאג האבן א פרויען דאקטערין וואס אקצעפטירט מעדיקעיד אינעם בילדינג וואס רופט זיך Division Medical, 138 Division Ave., Tel: 387-2408.

אין דעריבער איז א חוב קדוש אויף יעדען וואס פארמאגט נאך א פינק יראת שמים צו נוצען אויסשליסליך די דאקטערין.

מיר האבען שוין אפגעדריקט און אונזערע חיבורים אהלי ישראל, קדושת ישראל (על ה׳ יחוד ובל עניני צניעות וקדושה שבד׳ חלקי שו״ע) א פולען ליסט פון פרויען דאקטערנ׳ס. די פינקטליכע אדרעס פון די אופיסעס, און אויך אין וועלעכען שפיטאל זיי פראקטיצירען.

גלייכצייטיג ווילען מיר אויפמערקזאם מאכען אז עפ״י הוראת הגאונים המובהקים פוסקי דורינו שליט״א:

**הגה״צ מוהר״ר יצחק יעקב ווייס שליט״א ראב״ד ירושלים**

**הגה״צ מוהר״ר שמואל הלוי ואזנר שליט״א ראב״ד בני ברק**

**הגה״צ מוהר״ר יוסף גרינוואלד שליט״א אבדק״ק פאפא**

**הגה״צ מהר״ם שטערן שליט״א אבדק״ק דעברעצין**

**הגה״צ מוהר״ר רפאל בלום שליט״א אבדק״ק קאשוי**

**הגה״צ מוהר״ר אברהם לייטנער שליט״א אבדק״ק מאנטעווידעיא**

איז יעדער איד שעמדו אבותיו על הר סיני מחויב (פינקט ווי ביי אנדערע מצות זאבען און נאך מער) זיך משתדל צו זיין אויף זיין בני בית זאלען נוצען נאר א פרוי דאקטערען, און דאס איז נאר לכתחילה, אויב צוליב א סיבה איז נישט מעליך דאמאל׳ס בדיעבד, זאל מען אבער אבטונג געבען עס זאל נישט צוקומען צו יחוד, דאס מיינט אדער איר מאן זאל איר באגלייטען און זאל איר ווארטען אין ווארט זאל, דער דאקטער זאל אבער וויסען אז דער מאן איז דארט, אדער איינער פון די 7 קרובות (עיין באבה״ע סי׳ כ״ב ובספרי קדושת ישראל פרטי הלכה זו) זאל איר באגלייטען צום דאקטער, אבער צו זיין אליינס מיטען דאקטער אין זיין אפיס איז א איסור דאורייתא, ווייל אפילו ווען זי האט זיך דארט אויף געפירט עפ״י התורה האט מען דאך עובר געווען א איסור תורה במזיד, דאס איז איסור יחוד.

ובזכות פון צניעות אין ערליכקייט וועלען מיר זוכה זיין בקרוב געהאלפען צו ווערען מיט די גאולה שלימה אמן.

**הק׳ שלום יודא גראס**
**אבדק״ק האלמין**

די תורה וועלט — תמוז תשל״ח

# דברי אלוקים חיים

הַכְזוֹנָה יַעֲשֶׂה אֶת אֲחוֹתֵנוּ

א

**פעם** אחת התווכח הרב הקדוש רב ייב"א ז"ל מאוסטראה עם הרב הקדוש ר' פנחס מקוריץ ז"ל, באיזה איסור נכשלים יותר בדור הזה. הרב ייב"א אמר, שהאיסור הגדול ביותר עכשיו, הוא מה שמדברים בבית-הכנסת דברים בטלים בשעת התפילה, ור' פנחס אמר, שמכשול גדול יותר הוא, מה שבנות ישראל העניות הולכות לבית ה„פריצים" הנכרים למכור להם עופות ודגים ושאר צרכי אוכל, כמו שהיה נהוג אז בעיר אוסטראה, ועל-ידי-כך יש חשש שלא יבואו לידי יחוד. כל אחד מהצדיקים התעצם בדעתו, והרבה בטענות והוכחות לבסס את דבריו, והתאמץ להטות גם את דעת חברו לדעתו. לסוף הסכימו לפתוח אחד מחמשת חומשי תורה, והפסוק שיפול עליו מבטם ראשונה יוכיח להם עם מי הצדק. נזדמן להם חומש בראשית, פתחוהו, וראו בסקירה ראשונה את הפסוק „הכזונה יעשה את אחותנו", ונמצאו דברי ר' פנחס קיימים. אז אמר לו תיכף הרב ייב"א:

— נראה נא איך יונתן בן עוזיאל מתרגם פסוק זה.

הביטו בתרגום-יונתן, וראו שמתרגם כך: „לא יאי למהוי מתאמר בכנישתהון דישראל (ובתרגום ירושלמי: ובבית מדרשיהון") דסאיבו... לברתיה דיעקב", הרי שכל חומר הדבר הוא, שלא יבואו לדבר מזה בבתי-כנסיות ובתי-מדרשות של ישראל; נמצא שצדקו דברי שניהם, בחינת „אלו ואלו דברי אלוקים חיים".